מערכת בחצרות

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | פ' וארא | כ' טבת | תשע"ב | מגילה: י"א

# באריכטן:

## שב"ק העעל"ט בצל הקודש אין פאלם ספרינגס

פארגאנגענעם שב"ק העעל"ט איז מרן רבינו שליט"א ערשינען צו תפילת מנחה אום 5:45, ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט מנחה פאר'ן עמוד כרגיל. צו קבלת שבת איז צוגעגאנגען הרבני הנגיד מוה"ר מאיר הירש הי"ו מהנהלת המוסדות והקרי' אין קרית יואל.

דער רבי שליט"א האט ווי אין די פארגאנגענע וואך געפראוועט שלחנו הטהור בביתו נאוה קודש, און בערך 8:45 זענען זיך אנ"ש צונויפגעקומען ביים רבי'ן אין שטוב צו זמירות און ד"ת. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרבני הנגיד מוה"ר שלמה משה הלוי קלאגסברוין הי"ו פון קרית יואל, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב עסטרייכער הי"ו פון לאנדאן.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף, הבה נתחכמה לו, ווי דער רבי שליט"א האט שיין אריינגעטייטשט געווען די מחלוקה פון יוסף מיט די ברידער.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם ווידער הי"ו ראש הקהל וראש העיר ד'קרית יואל, מיט ברהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראש כוללנו אין וויליאמסבורג, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הגה"ק בעל בני יששכר זי"ע וואס זיין הילולא איז אויסגעפאלן דעם פארגאנגענעם ערש"ק העעל"ט, און אויך האט דער רבי שליט"א דערציילט איבער דעם הייליגען בעל התניא זי"ע וועלכער זיין הילולא פאלט אויס דעם סוף וואך, און פונע'ם הייליגן כתב סופר זי"ע וואס זיין הילולא איז אויסגעפאלן אום שב"ק העעל"ט.

מיט קה ריבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר בערל פאלאטשעק הי"ו חבר הנהלת המוסדות אין קרית יואל, אויך האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר הערש אלימלך

פיש הי"ו מחסידי וויזניץ-מאנסי מיט'ן פארזינגן רחם בחסדך.

דאן האט מען אריינגעברענגט פירות, און דער רבי שליט"א האט געמאכט דעם בורא פרי העץ אויף טייטלן וואס וואקסט אין די געגענט פון פאלם ספרינגס, און דערביי האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט איבער די שיעור פון 'כותבות הגסה'.

מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אייזיק הערש שפילמאן הי"ו פון קרית יואל.

שב"ק אינדערפרי איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד צום דאווענען ארום 9:45, צו פסוקי דזמרא איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראש כוללנו אין וויליאמסבורג, צו תפילת שחרית איז צוגעגאנגען הרבני הנגיד מוה"ר שלמה משה הלוי קלאגסברוין הי"ו, און מיט פתיחת הארון קודש בעפאר קריאת התורה איז מכובד געווארן הר"ר יואל הערש פישער שליט"א מנה"ר דישיבת היכל התורה ד'סאטמאר אין וויליאמסבורג.

די עלי' שישי איז געקויפט געווארן פאר מרן רבינו שליט"א דורך הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו ראש הקהל וראש העיר ד'קרית יואל פאר א גרעסערע סומע. און צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען מוה"ר יעקב עסטרייכער הי"ו פון לאנדאן.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק הבה נתחכמה לו, און מעורר געווען אז מיט לימוד התורה באקומט מען צוריק די צלם אלוקים וואס מען האט פארשמירט מיט עבירות.

❧•☙

מוצש"ק איז - לרגל די שמחת בר מצוה פון נכד כ"ק רבינו שליט"א וועלכעס איז נעכטן נאכט פאהרגעקומען אין קרית יואל - פאהרגעקומען ביים רבי'ן שליט"א א שיינער מסיבת מלוה מלכה, ווי ווען דער רבי שליט"א איז ערשינען האט דער פארזאמאלטער ציבור אויסגעבראכן אין א געזאנג קול רנה וישועה.

נאכ'ן וואונטשן לחיים האט דער רבי שליט"א פארצויגן א לענגערע שמועס אין עובדות וסיפורים פונעם הייליגן בעל התניא זי"ע וואס זיין הילולא געפאלט די וואך, און פון נאך צדיקים נבג"מ. דער רבי שליט"א האט מכבד געווען דעם עולם צו זינגען די זמירות למוצש"ק.

דאן האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרב יונתן דענעבוים שליט"א - דער לאקאלע חב"ד שליח מיט ברכת המזון, און דער עולם איז אדורך ווינטשען מזל טוב לכבוד די שמחות.

❧•☙

## מסיבות של מצוה אין וויליאמסבורג

אין שטוב פון הרה"ח מוה"ר שלמה ווערצבערגער הי"ו משמש דקהלתינו אין וויליאמסבורג, קומט היינט פאהר א מסיבת קבלת פנים לכבוד הרה"ג ר' יוסף קדיש בראנסדארפער שליט"א פון ירושלים עיה"ק זוהן פון הגאון בעל קנה בושם זי"ע, ווי דער ציבור איז זיך משתתף לכבוד דעם גרויסן גאסט שליט"א.

❧•☙

הרבני הנגיד מוה"ר אהרן משה שלאגער הי"ו אינאיינעם מיט זיין זוהן מוה"ר נחמן הי"ו טוען אראנשירן א ווירכטיגער "מסיבת הצילו" פאר א ווירכטיגער צוועק אויפן פערזענליכען רוף פון הגאון פוסק הדור בעל שבט הלוי שליט"א, אין זיין שטוב אויף 299 היוז סט. ביז חצות הלילה.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**